גוט שבת אלע אידן. פאר מער ווי 20 יאר האט ר' שלמה מערמאלשטיין געארבעט פאר ביקור חולים. ער איז באקאנט פאר זיין חסדים. וואס האט געמאכט ר' שלום אזא בעל חסד? דער פאלגענדע מעשה וואס איז געשען אין די שווערע טעג פון דער צווייטער וועלט מלחמה ווייזט ווי ר' שלמה איז געווארן א גרויסער בעל חסד.

שלום איז געבוירן געווארן אין א קליינעם דערפעל וואס הייסט פאהלאווא נעבן מונקאטש. זיין טאטע יצחק האט געהאט א קליינעם פעלד מיט עטליכע קוה. כאטש אז זיין פעלד איז געווען קליין, איז עס געווען מער וואס די גויאישע ארימע לייט האבן געהאט. שלום געדענקט ווי זיין מאמע פלעגט זיך אויפשטיין פינף אזייגער פאר טאגס צו מעלקען די קי. זי פלעגן טיילן מילך צו די ארימע אידישע מאמעס אין שטעטל. ר' שלום געדענקט אויך ווי זיין זיידע ר' בן-ציון מערמאלשטיין האט אויך געטון חסד כסדר פאר אנדערע מענטשן אין שטעטל און אפילו פאר גוים אויך.

ווען דער צווייטער וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן האט זיין לעבן זיך געטוישט אינגאנצן. ער איז אוועקגעריסן געווארן פון זיין משפחה און ער איז געשיקט געווארן צו אן ארבעטס לאגער. ער האט זיך געמוטשעט צו בלייבן לעבן. ליידער זענען רוב פון זיין משפחה אומגעקומען עק"ה, הי"ד.

עטליכע יארן שפעטער איז ער ב"ה באפרייט געווארן פון לאגער דורך די רוסישע ארמיי. באמת האבן די רוסישע אים געפאנגען צוזאמען מיט די אנדערע אידן, און דער מיליטער האבן זיי נישט ערלויבט אוועקגיין. אפילו אזוי, האט ר' שלום זיך מיישב געווען אז עס איז כדאי צו פרובירן אהיימצוגיין, אפילו ער האט נישט געוואוסט וואס ער וועט טרעפן אינדערהיים. ווייל ער האט יא געוואוסט אז די רוסישע רשעים זענען נישט אסאך בעסער ווי די דייטשע, ימ"ש.

זיין געבורטסשטאט איז געווען בערך 90 מייל אוועק פון דעם לאגער. לכתחילה וואלט ער זיכער גענומען דעם באן. אבער פארשטייט זיך האט ער נישט געהאט קיין געלט און ער האט אויך מורא געהאט וועגן די רוסישע. וועגן דעם האט ער אפגעמאכט אז ער וועט גיין צו פיס.

עס איז געווען סוף ווינטער און עס איז געווען דעמאלט מוראדיג קאלט. מיט שמאטעס אויף זיין פיס און דאס ווינט שנייד דורך זיין שוואכע קערפער, האט ער גענומען גיין אהיים. ער איז געגאנגען בערך 4 מייל א טאג. יעדען נאכט, האט ער זיך אפגעשטעלט צו שלאפן פארן נאכט. ער האט געדארפט זוכן א פלאץ וואו ער וועט קענען באשוצט ווערן פון דעם קעלט.

איין אוונט, ווען ער האט געזוכט א פלאץ צו שלאפן, איז ער אריינגעקומען אין א קליינעם דערפעל וואו ער האט געזען אז עס איז פיל געווען מיט רוסישע סאלדאטן. ער האט געזוכט און געזוכט אבער ער האט נישט געטראפן קיין איין פלאץ אראפצולייגן. ער האט נישט געהאט קיין ברירה און דערפאר האט ער גענומען קלאפן אויף טירן פון די גויאישע איינוואוינער צו בעטן א פלאץ צו שלאפן פארן נאכט. אבער דאס ענטפער איז אייביג געווען די זעלבע תשובה: "מיר האבן רוסישע סאלדאטן איינשטייען ביי אונז, און עס איז נישט דא קיין פלאץ."

סוף כל סוף איז ר' שלום אנגעקומען צו דעם לעצטן הויז אין דעם שטעטל. דעם קליינעם הויז האט באלאנגט זיכער צו א גויאישען פויער וואס וועט אים נישט אויפנעמען אזוי ווארעם. ר' שלום האט געוואוסט אז ער שטעלט איין זיין לעבן מיט דעם וואס ער שטערט דעם גוי'ס שלאפן. אבער, ער האט נישט געהאט קיין ברירה. דאס קעלט וועט אים זיכער רגענען אויב דער גוי וועט נישט. ער האט געדארפט פרובירן. ער האט אויפגעהויבן זיין שוואכע האנט און ער האט געקלאפט אויף די פעסטע האלצענע טיר.

דער גוי וואס האט געעפענט די טיר האט געקוקט אויף ר' שלום מיט גרויס חשד. "וואס ווילסטו?" האט דער גוי געזאגט אין דעם שפראך פון יענעם לאנד. "אנטשולדיגט פארן שטערן..." האט ר' שלום אנגעהויבן צו זאגט מיט גרויס ענווה, "אבער, דו וואלסט געהאט אפשר א פלאץ אין דיין הויז וואו איך קען שלאפן, ארויס פון דעם קעלט?"

דער מענטש האט געשאקעלט זיין קאפ צו ווייזן "ניין." "זייט מוחל," האט דער גוי אנגעהויבן צו זאגן בשעת ער האט געעפענט די טיר. דאן האט ר' שלום אריינגעקוקט אינעם קליינעם שטוב צו זען א שאף שטייען שטילערהייט אין דעם עק פונעם שטוב. "עס איז נאר דא פלאץ פאר מיין בעט און מיין שאף!"

ר' שלום האט געזען אז דער גוי האט טאקע נישט קיין פלאץ און ער האט גענומען אוועקגיין. ר' שלום האט דעמאלט געזאגט פארן גוי, "אויב אזוי גיי איך שלאפן אין דעם וואלד." און ער האט אנגעהויבן אוועקצוגיין. דער גוי האט אים גלייך אפגעשטעלט און ער האט ר' שלום געזאגט, "אוי! דאס קענסטו דאס נישט טון! עס זענען דארט וועלף וואס גייען דיך אויפעסן לעבעדיגערהייט!

"דעמאלט קען איך אפשר שלאפן לעבן דיין הויז אונטער דעם דאך (וואס האט זיך איבערגעהאנגען דעם הויז.) דער גוי האט מסכים געווען און ער איז צוריק אריינגעגאנגען אין זיין ווארעמען הויז, לאזענדיק דעם איד אינדרויסן. ר' שלום האט ארויפגעשיקט א תפילה אין הימל בעטן אז דער אייבערשטער זאל אים ראטעווען פון דעם קעלט.

א שטיק צייט שפעטער, האט די טיר זיך געעפענט. "ווי אזוי הייסטו?" האט דער גוי געפרעגט ר' שלום. "איך בין בן-ציון מערמאלשטיין'ס אייניקל." האט ר' שלום געזאגט, טראכטענדיג צו זיך פארוואס ער האט דערמאנט זיין זיידען'ס נאמען.

ווען דער פויער האט געהערט די ווערטער, איז ער געווארן מוראדיג שטארק נתרגש. "דו ביסט בן-ציון'ס אן אייניקל פון פאהלאווא?!?" "יא, דאס איז ריכטיג." האט ר' שלום געענטפערט. "פארוואס פרעגסטו, דו האסט אים געקענט?" האט דער איד געפרעגט דעם גוי.

"אוודאי, קען איך אים. איבער פערציג יאר צוריק פלעגט זיין א יריד אין מונקאטש. אסאך מענטשן פון דעם דערפעל פלעג ברענגען די קי צו פארקויפן ביי דער יריד, און מיר האבן געזוכט פלעצער וואו איינצושטייען אויפן וועג. דיין זיידע האט מיך אייביג געלאזט שלאפן אין זיין שייער. און אינדערפרי פלעג ער מיך געבן א גלעזל בראנפען. איך גיי קיינמאל נישט פארגעסן וואס ער האט געטון פאר מיך." מיט די ווערטער האט דער גוי געעפענט די טיר ברייט און אריינגעברענגט ר' שלום. ער האט געמאכט קארטאפעל און ער האט געמאלקן מילך פון זיין שאף און ער האט געגעבן צו ר' שלום צו עסן. ער האט אוועקגעגעבן זיין בעט צו ר' שלום און ער אליינס איז געשלאפן אויפן ערד.

ר' שלום איז אויפגעשטאנען אינדערפרי מיט פרישע כוחות. ער האט שטארק באדאנקט דעם גוי און באדאנקט דעם אייבערשטען פאר דעם חסד וואס האט זיכער געראטעוועט זיין לעבן אין די זכות פון דעם חסד וואס זיין זיידע האט געטון פאר אנדערע.

ר' שלום איז אהיימגעקומען בשלום. א שטיק צייט שפעטער איז ער געקומען וואוינען אין אמעריקע, וואו ער לעבט עד היום, ביז 120 יאר!

דער באשעפער באפעלט די וואך אז די אידן זאל מאכן "למאור להעלות נר תמיד" עס איז אפשר מרומז אין די פסוק דעם באגריף וואס מען טרעפט אין נביא, אז די אידן זענען "לאור גוים" ד"ה אידן זענען א ליכטיגקייט צו די גוים. (ישעיה מב,ו) דאס מיינט אז א איד, דורך אויפפירען ווי עס דארף צו זיין, מאכט א ליכטיגקייט אין די וועלט. אזוי האט מען געזען מיט דעם מעשה וואס מען האט יעצט דערציילט. ר' שלום'ס זיידע האט געמאכט א קידוש השם דורך זיין חסד צו דעם גויאישן פויער, און דורך דעם איז ר' שלום געראטעוועט געווארן. לאמיר אלע פרובירן צו זיין א ליכטיגקייט צו די וועלט. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר מאיר פראמאוויטש הי"ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו מרדכי נ"י
לע"נ ריזל בן ר' יעקב הכהן ע"ה
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**